# פרשת וארא כ׳ – כ"ו טבת תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א** ראה"כ דקיט"ל סאטמאר (החתן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בתו בשעטומ"צ.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין של החתן **ישראל דוד** נ"ו בן הר"ר **יהודה זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יקותיאל יהודה ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החתן **יהושע** נ"ו בן הר"ר **אברהם יעקב בלום** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם הערש אייגנער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל׳ סעודה סימן קס"ח סעיף י׳) בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה פארציילט, וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי (שמות ב-א), עמרם איז געווען מבית לוי, און ער איז געגאנגען און ער האט צוריקגענומען יוכבד. די גמרא (סוטה יב.) פרעגט, וואס איז די לשון וילך, ער איז געגאנגען. זאגט די גמרא, שהלך אחר עצת בתו, ער איז געגאנגען נאך די עצה פון זיין טאכטער. עמרם גדול הדור היה, ער איז געווען דער גדול הדור, ווען עס איז געקומען די גזירה פון כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו (שמות א-כב), האט ער געזאגט, לשוא אנו עמלים, מיר גייען זיך פלאגן אומזיסט, מיר גייען מגדל זיין קינדער און נאכדעם וועט מען זיי ארייננווארפן אין וואסער. עמד וגירש את אשתו, האט ער געג'גט זיין ווייב, איך דארף נישט קיין קינדער. זאגט די גמרא, אז גאנץ כלל ישראל האט נאכגעטון וואס עמרם האט געטון, יעדער האט זיך געג'גט, עס זאל נישט צוקומען צו כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. איז געקומען מרים הנביאה, די טאכטער פון עמרם, און זי האט זיך געדינגען מיטן פאטער. זי האט געזאגט פארן פאטער, גזירתך קשה משל פרעה, דיין גזירה איז ערגער פון פרעה'ס גזירה. שפרעה לא גזר אלא על הזכרים, און דו ביסט גוזר אויף די נקבות אויך. פרעה האט גוזר געווען אויף חיי עולם הזה, און דו נעמסט זיי אוועק פון חיי עולם הבא. דריטענס, די גזירה פון פרעה איז פון א בשר ודם, און ספק אם מתקיימת, ווילאנג די גזירה וועט זיך האלטן, אבער דיין גזירה וועט זיך האלטן, דו ביסט א צדיק, ותגזר אומר ויקם לך (איוב כב-כח), צדיק גוזר והקב"ה מקיים. אז דו זאגסט אז מען זאל נישט חתונה האבן, וועט מען נישט חתונה האבן.

**אויף** די צווייטע זאך וואס זי האט אים געזאגט, אז פרעה נעמט אוועק אונזער לעבן אויף די וועלט, אבער ער קען נישט אוועקנעמען חיי עולם הבא. א קינד וואס ווערט געבוירן אויף די וועלט, האט צוויי לעבנס. עס האט א לעבן, די יארן וואס מען איז דא. און עס האט א לעבן שפעטער, ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, חיי עולם הבא. די לעבן פון די וועלט, איז א קורץ לעבן, ימי שנותינו בהם שבעים שנה, ואם בגבורות שמונים שנה (תהלים צ-י), אבער עס בלייבט איבער א לעבן וואס איז דא שפעטער, וואס דאס איז חיי נצחיים, חיי עולם הבא. פרעה קען אוועקנעמען אונזערע קינדער, ער קען זיי הרג'ענען, אבער ער האט נאר אוועקגענומען זיבעציג יאר פון זייער לעבן, אבער עס בלייבט נאך איבער פון דעם קינד חיי נצחיים לעולם הבא. אויב דו ברענגסט נישט קיין קינד אויף די וועלט, האסטו אים אויך אוועקגענומען פון חיי עולם הבא.

**עס** שטייט אין די גמרא (סנהדרין קי:), פון ווען איז א קינד א בן עולם הבא. איין דעה איז דא אין די גמרא, משעה שנולד, פון ווען דאס קינד ווערט געבוירן. אויב ער איז געבוירן געווארן א מינוט אויף דער וועלט, וועט ער שוין זוכה זיין צו חיי עולם הבא, אפילו ער האט נישט געהאט קיין חיי

עולם הזה. און עס איז דא א דיעה אין די גמרא, משעה שנזרע, פון די זריעה אן, זרע יעבדנו, יסופר לה' לדור (תהלים כב-לא). אפילו מען האט מפיל געווען א קינד, איז נישט דער טייטש אז דאס קינד איז גארנישט, נאר זי האט געברענגט א קינד לחיי עולם הבא. עס האט נישט זוכה געווען צו חיי עולם הזה, אויף דער וועלט לעבט עס נישט, אבער משעה שנזרע, קומט ער אן לחיי עולם הבא. קומט אויס, אז פרעה קען אוועקנעמען פון אונז חיי עולם הזה, אבער מיר וועלן אויפשטעלן קינדער פאר חיי עולם הבא.

*

**די** גמרא (ברכות י.) זאגט, אז ישעיה הנביא איז געקומען צו חזקיהו המלך, און ער האט אים געזאגט, כי מת אתה ולא תחיה (ישעיה לח-א), מת אתה בעולם הזה, ולא תחיה לעולם הבא. האט ער אים געפרעגט, מאי כולי האי, וואס האב איך געזינדיגט. האט ער אים געזאגט, דלא עסקת בפריה ורביה, דו ביסט נישט עוסק אין פריה ורביה. האט ער אים געזאגט, משום דחזאי לי ברוח הקודש אז איך גיי האבן בנין דלא מעלו, איך גיי האבן נישט קיין גוטע קינדער, פארוואס זאל איך עוסק זיין בפריה ורביה. האט ער אים געזאגט, דו ביסט נישט גערעכט, בהדי כבשי דרחמנא למה לך, מיש דיך נישט אינעם רבונו של עולם'ס זאכן, מאי דמפקדת איבעי לך למעבד, מען האט דיר מצווה געווען אויף פרו ורבו, דו דארפסט טון וואס דו דארפסט צו טון.

**לכאורה** שטעלט זיך א קשיא, פארוואס האט מרים נישט געזאגט די זעלבע טענה פארן פאטער. מען האט זיך געדינגען מיט וואס עס איז קשה משל פרעה, אז ער נעמט אוועק זכרים מיט די נקבות, ער נעמט אוועק חיי עולם הבא. זי וואלט אים געדארפט זאגן, דער אייבערשטער האט דיר געהייסען מקיים זין די מצוה פון פריה ורביה, בהדי כבשי דרחמנא למה לך. פארוואס האט זי נישט ארויפגעברענגט די טענה, אזוי ווי מען האט עס ארויפגעברענגט ביי חזקיהו המלך.

**די** חילוק איז אזוי. ווען דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון פרו ורבו, האט דער אייבערשטער געזאגט (בראשית א-כח), פרו ורבו ומלאו את הארץ. פריה ורביה האט א טעם, כדי מיישב צו זיין את העולם. ברענגען קינדער אז עס זאל זיין דורות, עס זאל זיין א וועלט, ישובו של עולם. וואס פאר א קינדער דאס וועט זיין, דאס האט מען דיר נישט געהייסען, בנין דלא מעלו איז אויך מלאו את הארץ. פרו ורבו ומלאו את הארץ האט ער מקיים געווען בכל אופן. טאמער אבער עס איז דא א גזירה כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, פאלט אוועק די מצוה פון פריה ורביה אינגאנצן. פרו ורבו איז דאך וועגן ומלאו את הארץ, אבער אז עס קען נישט זיין קיין מלאו את הארץ, בין איך נישט מצווה אויף פרו ורבו.

**ווען** עמרם האט זיך פורש געווען, ווייל עס איז דא א גזירה כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, האט זי אים נישט געקענט זאגן, דו ביסט מצווה אין פריה ורביה, און בהדי כבשי דרחמנא למה לך, וואס גייט דיר אן וואס עס וועט זיין שפעטער, ווייל ער איז נישט מצווה אויף אזא מצוה. ער איז מצווה אויף פרו ורבו ומלאו את הארץ, און אז עס איז נישט דא קיין מלאו את הארץ, איז ער נישט מצווה. אבער ביי חזקיהו המלך, איז ער דאך געווען מצווה אויף קינדער, און ווען ער וואלט געהאט קינדער, וואלט ער געהאט קינדער וואס וועלן לעבן. ער וויל אבער האבן געלונגענע קינדער, און נישט בנין דלא מעלו, דאס איז שוין כבשי דרחמנא. וואס פאר א קינדער דו וועסט האבן, דאס לאז צום אייבערשטען. דו דארפסט טון וואס דו דארפסט צו טון, און דאס איבריגע לאז פארן אייבערשטען.

*

**מרים** האט אים געזאגט, אז פרעה האט גוזר געווען אויף די זכרים, און נישט אויף די נקבות. עס איז נישט ריכטיג, עס איז דא א גזירה אויף די נקבות אויך. ווייל טאמער עס איז נישט דא קיין זכרים ביי יודען, וואס וועט זיין מיט די נקבות, זיי וועלן חתונה האבן צו די מצריים. וואס וועט זיין דעמאלטס, עס וועט זיין בנין דלא מעלו, עס וועט זיין מצרי'שע קינדער. פארוואס האט פרעה נאר גוזר געווען אויף די זכרים, און דו ביסט גוזר אויך אויף די נקבות?

פרעה האט דאך גוזר געווען אויף אונז צוויי גזירות, די זון ווערט מען הרג'ענען, וכל הבת תחיון, און די טעכטער וועלן ווערן עובדי עבודה זרה. אבער דאס איז נישט געווען א טענה, ווייל די טענה איז נאר, ווען עס פעלט אין מלאו את הארץ, דעמאלטס קענסטו האבן א טענה, אבער די בנין דלא מעלו, וואס מיט די טעכטער ווערט זיין, אויף דעם ביסטו נישט גערעכט, ווייל דאס דארף מען לאזן צום אייבערשטען.

*

**פארוואס** האט דער אייבערשטער טאקע אזוי צוגעפירט, אז עמרם זאל גט'ן, און מרים זאל זיך דינגען, און פון דעם איז געבוירן געווארן משה רבינו. ווייל משה רבינו האט געדארפט זיין דער נותן התורה פאר יודען, און צו געבן די תורה פאר יודען דארף דער נותן התורה, דער משה רבינו, זיין אויסגעקאכט מיט אמונה אינעם רבונו של עולם, אז מען קען נישט טוישן פון די תורה קיין איין אות, אפילו מיר האבן חשבונות אנדערש. האט דער אייבערשטער אזוי צוגעפירט, אז די עלטערן פון משה רבינו, עמרם מיט יוכבד, זאלן, פאר זיי האבן דאס קינד, זיך וויקען אין די אמונה, אז מען דארף ברענגען קינדער אויף די וועלט, אפילו דאס קינד ווערט נישט זוכה זיין צו חיי עולם הזה, עס ווערט נאר זיין חיי עולם הבא, און זיך נישט רעכענען מיט די גזירה פון כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. ווען עמרם מיט יוכבד וועלן זיין אויסגעארבעט אין די מדה, קענען זיי ממשיך זיין א משה רבינו וואס זאל זיין דער נותן התורה. האט דער אייבערשטער צוגעפירט דערצו, אז בעפאר משה רבינו איז געבוירן געווארן, איז ארויסגעקומען דער גאנצער דיון צווישן עמרם מיט יוכבד און מרים, כדי משה רבינו זאל געבוירן ווערן פון עלטערן וואס האבן אריינגעלייגט אין דער יסוד פון זייער קינד, אז זאת התורה לא תהא מוחלפת, ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא יתברך שמו.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לשמחת החתונה של צאצאי הר"ר **יהודה זינגער** הי"ו, והר"ר **אברהם הערש אייגנער** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בת הרב **מתתי' ציגעלהיים** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **אשר אנשיל בויער** הי"ו, שהתקיים בבית אביו הר"ר **שמעון ציגעלהיים** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת השבע ברכות, אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **אהרן קליין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ליפא שווימער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

*

***<u>יום שני פרשת וארא</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **יואל מאיר פריעדמאן** שליט"א (מנהל בת"ת סאטמאר וומסב"ג). אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב יחזקי' גרינוואלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **וואלף פישער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה גדלי' שוואב** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי**

**יוסף מאיר שווארץ שליט"א** דומ"ץ יגל יעקב מישקאלץ (בן הגה"צ רבי אברהם יונה שווארץ שליט"א רב דקה"י ווינא יע"א), עב"ג בת **הרה"צ רבי יעקב לייב גאלדמאן שליט"א** אב"ד זוועהיל מאנסי, שהתקיים באולם די מארקיז.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א** ראה"כ דקיט"ל סאטמאר (חתן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א), עב"ג בן הרה"ג רבי **אהרן מייזליש שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א** והחתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי ומסר שיעור כללי לתלמידי הישיבה קטנה **'נועם התורה'** דקהלתנו הק'. **רבינו שליט"א** התחיל בדברי הלכה בדין בישול בכלי ראשון וכלי שני, והרחיב דבריו בשיטות הראשונים והאחרונים בכללי דין זה. אחר כך המשיך בדברי הדרכה וחיזוק.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** לערנט יעצט די פרשיות פון יציאת מצרים, וואס דער אייבערשטער האט געשיקט משה רבינו, דער מושיען של ישראל, אז ער זאל ארויסנעמען די יודען פון מצרים. מען זעהט א דבר פלא, משה רבינו איז דאך געווען אין די גזירה פון כל הבן הילוד היאור תשליכוהו (שמות א-כב), און בתיה בת פרעה איז געגאנגען לרחוץ על היאור, זי איז זיך געגאנגען וואשן, און זי האט געזעהן דארט דאס קעסטל, און זי האט רחמנות געהאט, און זי האט ארויסגענומען דאס קינד, און זי האט מציל געווען משה רבינו דער מושיען של ישראל. ווי קומט דאס, אז ווען מען דארף האבן א משה רבינו אויף דער וועלט, זאל מען אזוי מסבב זיין פון הימל, אז די טאכטער פון פרעה, א גוי'טע, זי זאל האבן די זכיה מציל צו זיין משה רבינו. עפעס לערנט דאך דאס אונז. און עס שטייט אין מדרש (עיין שמו"ר כ-ד, משלי לא), אז בתיה בת פרעה האט א גרויסן היכל אויבן אין הימל, כאטש בעצם איז זי געווען א גוי'טע, א טאכטער פון פרעה. פארוואס האט בתיה בת פרעה געהאט די זכיה דערצו, און א יודיש קינד האט נישט געהאט די זכיה דערצו.

**אין** פשטות ליגט דערין א לימוד מוסר השכל, אז רבות מחשבות בלב איש, ועצת ה' היא תקום (משלי יט-כא). **יעדער איינער וואס קומט אויף דער וועלט, האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט זיין וועג ווי אזוי ער לעבט, און וואס ער דארף אדורכצוגיין אינעם לעבן.** יעדער איינער קומט פון א צווייטע סארט שטוב, יעדער איינער האט אנדערע מדות, אנדערע טבעיות, און יעדער מענטש האט זיך זיין עבודה, וואס ער דארף זיך משלים זיין אויף דער וועלט.

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא לח.) אין אדם נוגע במוכן לחבירו. **קיינער קען נישט צונעמען וואס עס איז באשערט פאר א מענטש, און קיינער קען דאס אים נישט קאליע מאכן. אויב עס איז באשערט פאר איינעם כבוד, קען קיינער נישט צונעמען דעם כבוד וואס איז אים באשערט. אויב עס איז אים באשערט א בזיון, קען מען זיך נישט מציל זיין דערפון, וואס דו זאלסט נאר טון, וועט עס דיר אנקומען. אויב עס איז באשערט עניות, קענסטו טון אלע השתדלות אין דער וועלט, און עס וועט דיר נישט העלפן. אויב עס איז באשערט עשירות, קען עס קיינער נישט צונעמען פון דיר.** יעדער מענטש האט זיך זיינע מחשבות, און זיינע שאיפות, וואס ער וויל אנקומען וכדומה, אבער ער קען נישט טון, נאר וואס עס איז אנגעשריבן בגזירת עליון. וואס מען האט אנגעשריבן פון אויבן, צו דעם וועט ער צוקומען. אוודאי דארף מען טון השתדלות דערצו, ווייל אויף דער וועלט דארף מען טון השתדלות צו יעדע זאך. אבער א זאך וואס פון הימל וויל מען נישט, קען ער טון יעדע זאך אין דער וועלט, און ער וועט נישט צוקומען דערצו.

רבות מחשבות בלב איש, אסאך מחשבות איז דא אינעם הארץ פון א מענטש, אבער ועצת ה' היא תקום, עס וועט פאסירן וואס מען האט אויסגערופן אויבן.

**מען** קוקט אן פרעה, ער האט געמאכט א חשבון, הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו, הבה נתחכמה לו פן ירבה (שמות א-ט), מען דארף זיך א עצה געבן מיט יודען. קודם וועט מען זיי דערדרוקען, למען ענותו בסבלותם, און נאכדעם וימררו את חייהם, וועט מען זיי פארביטערן זייער לעבן. שפעטער האט ער געזעהן אז עס גייט אויסוואקסען א מושיען של ישראל, עס גייט אויסוואקסען איינער וואס וועט מציל זיין די יודען, גיט ער ארויס א גזירה, אז מען זאל הרג'ענען אלע קינדער. און ער האט דאך נישט געוואוסט פון וואו דער מושיען של ישראל וועט קומען, האט ער געהייסען אז מען זאל הרג'ענען אלע מצריים. דעם טאג האט מען גע'הרג'ט יעדן איינעם, כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. און ער האט געמיינט אז מיט דעם האט ער געענדיגט די גזירה, עס איז מער נישט דא קיין מושיען של ישראל, ער האט זיך א עצה געגעבן.

**דער** אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז אויב איך וויל ברענגען א מושיען של ישראל, קענסטו טון אלעס וואס דו ווילסט, און עס וועט דיר גארנישט העלפן. און נישט נאר עס וועט דיר נישט העלפן, נאר דיין אייגענע טאכטער, וואס דו אליין האסט ארויסגעגעבן די גזירה, זי וועט נעמען דאס קינד און מציל זיין. און זי וועט אים אריינברענגען צו דיר אין שטוב, און דארט וועט זי מגדל זיין דאס קינד. צו ווייזען אז די מחשבות פון א מענטש, די חשבונות וואס א מענטש מאכט פאר זיך, איז הבל וריק. דו קענסט טראכטן וואס דו ווילסט, און אויב עס איז נישט אנגעשריבן פון אויבן, וועסטו נישט צוקומען דערצו. און נישט נאר דו וועסט נישט צוקומען דערצו, נאר דו אליין וועסט מאכן פעולות, אזעלכע זאכן, וואס דורכדעם וועט ווערן אויסגעפירט וואס מען האט גוזר געווען פון אויבן. פרעה האט גוזר געווען די גזירה אז מען זאל הרג'ענען כל הבן הילוד, און דער אייבערשטער האט אים געוויזען, אז זיין אייגענע טאכטער האט אים מציל געווען, און זי האט אים אריינגעברענגט צו אים אין שטוב, און דארט איז ער נתגדל געווארן, און פון דארט איז ער אויסגעוואקסען דער מושיען של ישראל.

**מען** זעהט ביי יוסף, אז די תורה פארציילט, ויקם מלך חדש על מצרים, אשר לא ידע את יוסף (שמות א-ח), די גזירה האט זיך אנגעהויבן ווען עס איז אויפגעשטאנען א נייער קעניג, וואס האט נישט געקענט יוסף. עס איז דא א מחלוקת אין די גמרא (סוטה יא.) צו עס איז געווען א מלך חדש ממש, צו עס איז נאר נתחדשו גזירותיו. - א מלך וואס האט געקענט יוסף, ער האט געוואוסט וואס יוסף האט געטון פאר זיין לאנד, אז ער האט מציל געווען מצרים אין די שנות הרעב, וואלט נישט געקענט זיין אזא אכזר, נעמען זיינע קינדער און זיי פייניגן. ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף, ער האט שוין נישט געקענט יוסף, צו ער האט זיך געמאכט ווי ער קען נישט, האט ער גוזר געווען די גזירה.

**אין** די מפרשים שטייט אסאך טיפער דערין. מען קוקט אן יוסף הצדיק, וואס די ברודערס האבן אים געוואלט טון. יעקב האט אים זייער ליב געהאט, און ער האט אים געמאכט א כתונת פסים. און יוסף האט זיך גע'חלומ'ט אז ער גייט זיין דער מלך, און יעדער גייט זיך בוקען צו אים, און די ברודערס האבן עס נישט אויסגעהאלטן, וישנאו אותו (בראשית לז-ד), ויקנאו בו אחיו (שם לז-יא). מען דארף נישט אראפלייגן וואס עס מיינט קנאה און שנאה, ווען אמאל איז דא איינער וואס איז מער מצליח פונעם צווייטען, און מען איז אים מקנא, און עס ברענגט שנאה, און אזוי ווייטער, און מען וואלט אים געוואלט זעהן באזייטיגט, אז ער זאל נישט זיין דא. און מען רעדט דאך אין פשטות פון די פסוקים, דאס האבן געטון די ברודערס צו יוסף, זיי האבן געזוכט א עצה, מסלק צו זיין דעם יוסף, אז ער זאל זיך נישט דרייען דא. ויתנכלו אותו להמיתו (שם לז-יח), קודם האט מען געטראכט אים צו הרג'ענען, און נאכדעם נאר צו פארקויפן פאר א

עבד אין מצרים. און רש"י (שמות יח-ט) זאגט, אז א עבד האט קיינמאל אין זיין לעבן נישט געקענט ארויסגיין פון מצרים. מצרים איז געווען אזוי פארשלאסן, אז א עבד האט נישט געקענט אנטלויפן. דאס מיינט אז ווען זיי האבן פארקויפט יוסף פאר א עבד, זענען זיי געווען ביי זיך הונדערט פראצענט זיכער, אז זיי וועלן דעם מענטש קיינמאל נישט קענען, ער וועט בלייבן א עבד ביים שר הטבחים אויף לעולם ועד, און מען וועט פטור ווערן פון דעם פראבלעם וואס יוסף ברענגט פאר אונז.

**אבער** אז אין הימל וויל מען נישט אזוי, איז געווען פונקט פארקערט. די ברודערס אליין זיי האבן צוגעגרייט די גרויסקייט פון יוסף, און זיי האבן צוגעברענגט דערצו, אז עס זאל מקויים ווערן דער חלום פון יוסף, און יעדער זאל זיך בוקען פאר אים. מען האט פארקויפט יוסף אויף מצרים, יוסף איז שפעטער געווארן דער משנה למלך, און זיי זענען געקומען, און זיי זענען אלע געפאלען פאר יוסף, און זיי האבן זיך געבוקט, און יוסף האט זיי מפרנס געווען. ווער האט דאס גורם געווען? זיי אליין! די וואס האבן געוואלט אונטערברענגען יוסף, די האבן צוגעברענגט דערצו, אז יוסף איז געווארן משנה למלך, און אלע האבן זיך געבוקט פאר אים. זעהט מען דעם רבות מחשבות בלב איש, ועצת ה' הוא תקום.

**ווען** פרעה וואלט געוואוסט די היסטאריע פון יוסף, וואס די ברודערס האבן געוואלט מיט אים טון, און נישט נאר זיי האבן עס נישט געקענט שטערן, נאר זיי האבן צוגעברענגט דערצו אז יוסף איז געווארן דער משנה למלך, וואלט פרעה געטראכט ביי זיך, איך וויל אויך טון די זעלבע זאך וואס די ברודערס פון יוסף האבן געוואלט טון. זיי האבן געוואלט מסלק זיין יוסף, און איך וויל מסלק זיין די יודען. וואס איז געווארן ביי יוסף'ס ברודערס, זיי האבן אים צוגעברענגט צו זיין גרויסקייט, די זעלבע וועט זיין ביי מיר אויך. איך וויל טאקע כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, אבער אז מען וויל פון הימל, וועט מען אים ארייןברענגען צו מיר אין שטוב, און ער וועט ווערן נתגדל ביי מיר אין שטוב.

**ויקם** מלך חדש, עס איז אויפגעשטאנען א נייער קעניג, אשר לא ידע את יוסף, ער האט נישט געקענט די היסטאריע פון יוסף. ער האט געמיינט אז א מענטש קען זיך א עצה געבן, און מען קען טון וואס מען וויל. ער וועט טון, און ער וועט מאכן, ער וועט גוזר זיין גזירות, ער וועט זיך א עצה געבן. זאגט די תורה, אשר לא ידע את יוסף, ער האט נישט געקענט יוסף. ווען ער וואלט ווען געוואוסט די פרשה פון יוסף, וואלט ער געוואוסט אז א מענטש קען גארנישט טון. אויף אלעם דארף מען מתפלל זיין צום אייבערשטען, און מען דארף בעטן פונעם באשעפער. אליין קען מען נישט טוישן קיין שום זאך, פון וואס עס איז אנגעשריבן פון פריער.

*

**און** מען זעהט די זעלבע ביי יעקב. ווען ער האט געדארפט אראפגיין קיין מצרים, און ער האט מורא געהאט אראפצוגיין, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אל תירא מרדה מצרימה, האב נישט קיין מורא, כי לגוי גדול אשימך שם, דו וועסט ווערן א גרויס פאלק, ויוסף ישית ידו על עיניך (בראשית מו-ג), יוסף וועט לייגן זיינע הענט אויף דיינע אויגן. יעקב האט מורא געהאט, ווי אזוי קען מען מחנך זיין א דור, ווען ער וועט אראפגיין קיין מצרים, ווי אזוי קען זיין, אז יודען זאלן בלייבן ערליך אין גלות מצרים. האט אים דער רבונו של עולם געזאגט, איך טראג זיי אהין אראפ, איך ווייס וואס מצרים איז, איך ווייס אז זיי דארפן עס אדורכגיין, עס איז פאר זייער טובה. זיי דארפן ווערן א עם ישראל, זיי דארפן אדורכגיין די שיעבוד פון מצרים, תורה ווערט נאר נקנית ביסורים (ברכות ה.), זיי מוזן אדורכגיין די יסורים, זיי מוזן איבערארבעטן זייער גוף, זיי מוזן צוברעכן דעם גוף, כדי מען זאל קענען נאכדעם מקבל זיין עול תורה. אפילו עס קוקט אויס פאר די אויגן אז עס איז שלעכט, נאר פאר דיינע אויגן קוקט עס אזוי אויס, מיינע חשבונות זענען טיפער פון דעם מענטשנ'ס חשבונות.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט פאר יעקב, 'אל תירא מרדה מצרימה', האב נישט מורא פון דעם

וואס מען גייט אראפ קיין מצרים, 'כי לגוי גדול אשימך שם', דארט אין מצרים וועסטו אויסוואקסען א גוי גדול. טאמער דו גלייבסט מיך נישט, 'ויוסף', ווען דו וועסט קוקען אויף די פרשה פון יוסף, וואס ביי יוסף האבן אויך די ברודערס געמיינט אז זיי קענען אוועקנעמען יוסף פון זיין גרויסקייט, און וואס זיי האבן געטון האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז געווען א טובה, 'ישית ידו על עיניך', דאס וועט לייגען די הענט אויף דיינע אויגן. קוק נישט ווי אזוי עס קוקט אויס יעצט, דו זאלסט וויסן, אז וואס מען איז גוזר אויבן אין הימל, צו דעם וועט מען צוקומען. און איך זאג דיר, אז די שוועריקייטן איז א טובה פאר יודען, זיי דארפן דאס אדורכגיין כדי זיי זאלן קענען מקבל זיין עול תורה.

**און** די זעלבע איז אמאל דא ביי יעדען מענטש, יעדער גייט אמאל אדורך פארשידענע שווערע זמנים. קיינעם גייט נישט גרינג, יעדער האט זיינע זמנים, זיינע צייטן, אמאל איז עס גרינגער, אמאל איז עס שווערער, עס איז די תורה וואס איז נקנית ביסורים. מען קען נישט קונה זיין תורה, נאר ווען מען צוברעכט זיך דעם גוף, און מען פלאגט זיך. און מיט פלאג קומט מען צו שפעטער אז מען שטייגט אויס. אזוי איז געווען אין מצרים, אזוי אויך איז ארץ ישראל נקנית ביסורים, און די תורה איז נקנית ביסורים (ברכות שם), יעדע דבר טוב דארף אדורכגיין מיט שוועריקייטן.

*

**בתיה** בת פרעה האט זוכה געווען מציל צו זיין משה רבינו. מען מיינט אז א גוי'טע האט געהאט א זכות, אז זי האט מציל געווען משה רבינו, עס איז נישט אזוי פשוט. עס שטייט אין מדרש (שמו"ר א-כז), ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור (שמות ב-ה), זי איז זיך געגאנגען באדןביים טייך, און זי האט געזען משה רבינו. זאגט דער מדרש, אז זי איז זיך געגאנגען אפוואשן פון גילולי עבודה זרה. עס שטייט די וואך אין רש"י (ט-כט) אז אין מצרים זענען געווען עובדי עבודה זרה, און משה רבינו האט נישט געקענט מתפלל זיין אין מצרים, ער האט געדארפט ארויסגיין פון מצרים. פרעה'ס שטוב איז דאך זיכער געווען א מקום פון עבודה זרה, פרעה אליין האט זיך געמאכט פאר א עבודה זרה, אזוי שטייט אין פסוק (יחזקאל כט-ג), אז ער האט געזאגט, לי יאורי ואני עשיתני, איך האב געמאכט דעם טייך, איך האב עס באשאפן. ווען ער איז געקומען צום טייך, האט ער געהאט א ברכה פון יעקב אבינו, אז דער נילוס זאל אים אקעגן קומען. ער האט איינגערעדט, אז ער איז אליין א עבודה זרה. ותרד לרחוץ, און זי איז יעצט געגאנגען זיך אפצוואשן פון די גילולי עבודה זרה.

**א** מענטש וואס האט א גוטע מחשבה, ער איז מחליט ביי זיך, מיין וועג ביז יעצט איז נישט געווען גוט, און איך וויל אנהייבען זיך צו פירן אנדערש, און מען רעדט יעצט אפילו פון א גוי'טע, זי וויל אוועקגיין פון עבודה זרה, די מחשבה איז זייער חשוב אין הימל. א צדיק גמור איז אוודאי חשוב, דאס ווייסט יעדער איינער, אבער די גמרא (ברכות לד:) זאגט, אז בעלי תשובה זענען ביים אייבערשטען חשוב'ער, ווייל ער האט געהאט א שלעכטע צייט, און ער איז זיך פורש פון וואס עס איז געווען שלעכט, און ער הייבט אן צו גיין אויפן ריכטיגען וועג, האט ער א געוואלדיגען חשיבות אויבן ביים אייבערשטען. אז זי איז יעצט געגאנגען לרחוץ על היאור, זי גייט זיך יעצט פורש זיין פון עבודה זרה, האט מען איר צוגעשיקט פון הימל א געוואלדיגע זכות. דו האסט געטון א דבר טוב, וועט מען פון הימל דיר צוהעלפן, דו וועסט מציל זיין משה רבינו. ותפתח ותראהו, זאגט רש"י (ב-ו), נישט זי האט געזען משה, דאס דארף דער פסוק נישט זאגן אז זי האט אים געזעהן, אז מען עפענט א קעסטל זעהט מען וואס עס טוט זיך אינוויייניג, נאר זי האט זוכה געווען צו זעהן די שכינה אויף משה רבינו. זי איז געווען דער וואס האט מציל געווען משה רבינו, ווייל אז דו גייסט טון א דבר טוב, דו גייסט זיך רוחץ זיין פון עובדי גילולים, וועט דיר דער אייבערשטער העלפן, אז דו קענסט צוקומען צו השראת השכינה, און דו קענסט זיין דער מציל פונעם מושיען של ישראל, וואס גאנץ כלל ישראל איז שטענדיג שולדיג פאר בתיה בת פרעה, אויף

דעם וואס זי האט זוכה געווען, אז זי האט מציל געווען משה רבינו.

*

**דער** פסוק זאגט, אז זי איז זיך געגאנגען אפוואשן פון עבודה זרה. פארוואס גייט מען צו א יאור זיך אפצוואשן פון עבודה זרה, זי וואלט געדארפט גיין אין בית המדרש זיך צו וואשן פון גילולי עבודה זרה. וואס איז טייטש אז זי איז געגאנגען צום טייך זיך צו וואשן פון די עבודה זרה.

**פרעה** האט געזאגט, לי יאורי ואני עשיתני, איך בין א גאט, און איך האב באשאפן דעם יאור. זעהט אויס אז בתיה בת פרעה איז נישט געווען א בטלנ'טע, דו ביסט א גאט? א גאט האט נישט קיין מורא אז עס איז דא מענטשען אין זיין לאנד, וואס עס קען זיין אז זיי וועלן זיך פארמערן, און כי תקראנה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו, ונלחם בנו ועלה מן הארץ. איינער וואס האט מורא פון מענטשען, און ער דארף זיך א עצה געבן מיט זיי, דער איז נישט א גאט, ווייל א גאט קען זיך א עצה געבן מיט דעם אויך. אז דו הייבסט אן צו מאכן אזעלכע גזירות, דו גייסט אונטערדרוקן יודען, ווייל דו האסט מורא אז זיי וועלן דיך איבערשטייגען, ווייל דו האסט מורא אז עס גייט באשאפן ווערן א מושיען של ישראל, גייסטו הרג'ענען יעדן איינעם. וואס האסטו מורא, דו ביסט דאך א גאט, דו זאגסט דאך לי יאורי ואני עשיתני. האט זי פון דעם אליין געזען, וואס פאר א גאט דער פרעה איז. ותרד לרחוץ על היאור, זי איז געגאנגען זיך אפוואשן פון גילולי עבודה זרה, וואס ער זאגט לי יאורי ואני עשיתני. דו ביסט גארנישט א גאט. ווייל אז דו מאכסט אזעלכע גזירות, און דו האסט מורא פון יודען, איז א סימן אז דו ביסט נישט א גאט.

*

**און** בפשטות, ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור, זי איז געגאנגען זיך וואשן על היאור. זי האט זיך געוואלט רוחץ זיין פון גילולי עבודה זרה, איז זי געגאנגען זיך מטהר זיין. ווייל וואס איז די טהרה וואס א מענטש איז זיך מטהר, ער גייט אין א יאור, ער גייט אין א מקוה, און מיט דעם ווערט מען טהור. א גוי וואס איז מקבל אויף זיך כל התורה כולה, ער האט אלעס געלערנט, און ער האט זיך גע'מל'ט, איז ער נאך אלץ א גוי, ביז ער גייט נישט אין מקוה, און ער טובל'ט זיך. ווען ער האט זיך געטובל'ט אין די מקוה, און ער קומט ארויס פונעם וואסער, מיט דעם איז ער געווארן א יוד. עס דארף זיין מילה מיט טבילה. אין די פוסקים (עיין מהרי"ל הל' ערב יוה"כ) שטייט, אז א יוד וואס איז ל"ע געווען א מומר, און ער וויל זיך צוריקקערן צום אייבערשטען, דארף ער זיך טובל'ן. עס שטייט אין **מגן אברהם** (סימן תר"ו סק"ח), אז אפילו א גאנץ יאר איז נישט דא א חיוב זיך צו טובל'ן, אבער ערב יום כיפור איז א חיוב על פי שלחן ערוך אז מען דארף זיך טובל'ן, ווייל אזוי ווי מען גייט תשובה טון, מען גייט ווערן א נייער מענטש, צו תשובה דארף מען האבן טבילה. ותרד לרחוץ על היאור, ווייל זי איז געגאנגען זיך רוחץ זיין פון גילולי עבודה זרה, איז זי געגאנגען זיך טובל'ן אין א מקוה, זיך מטהר צו זיין.

**צדיקים** האבן געזאגט, אז מען וויל וויסן די חשיבות פון מקוה, וואס דאס מיינט טהרה. מען זעהט אז א גוי, ווען ער גייט זיך טובל'ן, נאכדעם וואס ער קומט ארויס פונעם וואסער, ווערט פון דעם גוי א יוד. **אויב א מקוה האט א כח צו מאכן פון א גוי א יוד, איז כל שכן אז עס איז בכח צו מאכן פון א פשוט'ן יוד צו מאכן א ערליכער יוד.**

**עס** איז טעג וואס איז מסוגל אויף תשובה אויף עניני קדושה וטהרה, דארף מען וויסן אז טבילה במקוה איז זייער א גרויסע זאך, עס איז זייער חשוב. אז עס קען מאכן פון א גוי א יוד, קען עס צוברענגען אז איינער וואס וויל זיך פירן ערליך, זאל קענען נתעלה ווערן אין א העכערע מדריגה. **אז מען איז נזהר שטענדיג זיך צו טובל'ן יעדן טאג, צו גיין אין די מקוה און זיך מטהר זיין, ברענגט עס צו א געוואלדיגע קדושה אויפן מענטש.**

**מען** בעהט (תהלים נא-יב) לב טהור ברא לי אלקים, דער אייבערשטער זאל אונז באשאפן א

לב טהור. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די ראשי תיבות פון ל'ב ט'הור ב'רא לי איז 'טבל'. מען בעהט דער אייבערשטער זאל אונז באשאפן א לב טהור, איז די עצה זיך צו טובל'ן, גיין אונטערן וואסער. אין הייליגע ספרים שטייט, **אז ווען מען גייט אונטערן וואסער, דאס איז אזוי ווי עס איז געווען פאר די בריאה, וואס עס איז געווען ורוח אלקים מרחפת על פני המים** (בראשית א-ב). **מען שטעלט זיך צו צום אנהייב, איך בין אזוי ווי א נייער מענטש, עס הייבט זיך אן ביי מיר א נייע בריאה, איך קום ארויס פון די מקוה, איך בין א אנדערער מענטש פון וואס איך בין געווען פאר דעם, פון יעצט אן גיי איך אנהייבן צו דינען דעם אייבערשטען.** - אז בתיה בת פרעה האט פארשטאנען, אז טאמער זי וויל זיך מטהר זיין פון גילולי עבודה זרה, דארף זי גיין לרחוץ על היאור, קענען מיר אויך זיך אראפלערנען צו וויסן די חשיבות פון טהרה במקוה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען לערנען תורה בקדושה. עס שטייט אין די גמרא (יומא עב.), יראת ה' טהורה, ווען איינער איז לומד תורה בטהרה, ער לערנט תורה ערליך, עומדת לעד (תהלים יט-י), האט די תורה א קיום. **נישט אלע וואס זענען געזעסן און געלערנט זענען צוגעקומען נתעלה צו ווערן, און גרויס ווערן, און בלייבן ביים לערנען. די וואס האבן געלערנט תורה בקדושה ובטהרה, די זענען צוגעקומען און זיי זענען געשטיגן.** זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען זיצען און לערנען, און דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת וארא***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים במאנסי. אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **נפתלי וייל** הי"ו, שהתקיים בהיכל ביהמ"ד ישיבה דמאנסי. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות.

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו, ואחיו הר"ר **יוסף עזריאל שטערן** הי"ו, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת וארא***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יעקב פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בעלזא מאחנובקא, ואצל הברית של בן הר"ר **יהודא פוקס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מנחם קאהן** הי"ו (פלעטבוש), שישב שבעה על פטירת אחיו ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל תפלת מנחה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת וארא***

בקריאת התורה התקיים הבאוופרן של החתן **משה מאיר** נ"י בן הר"ר **חיים ברוך בראדי** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את הרב **שמואל בנימין בוים** שליט"א בברכת המזון.

במוצאי שבת התקיים המלוה מלכה לטובת מוסדותינו הק' בעיר וויליאמסבורג, העומדים לשם

ולתפארת עם כאלף תלמידים ותלמידות המתחנכים בחינוך הסלולה לנו מרבותינו הק' מדור דור. המסיבה התקיימה ברוב פאר והדר באולם אימפיריעל, במקהלות עם רב, תלמידי וידידי קהלתנו ומוסדותינו הק', בראשות **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**.

המעמד נפתח על ידי היושב ראש הרב **חיים קלמן טויב** שליט"א (מלמד בכיתה ז' בת"ת). אחר כך השמיע הר"ר **שלמה זלמן פאללאק** הי"ו דברי זכרון לכבוד אביו הר"ר **ישעי' פאללאק** ע"ה (משמש נאמן בבית מדרשנו בוויליאמסבורג רבות בשנים), שהמסיבה נערכה לעילוי נשמתו. אחר פרקי שירה וזמרה על ידי ילדי מקהלות 'פרחי שיר ושבח' נשמעו דברי ברכה מאת הר"ר **משה עהרענפעלד** הי"ו, שנתעטר בפרס 'עטרת זקנים'.

בקשב רב נשמעו דברות קודש מאת **רבינו שליט"א** שדיבר בגודל מעלת מדת הכרת הטוב, ובמיוחד להמוסדות הק', ובפרט להמלמדים העוסקים בלי ליאות שבנינו יתגדלו לשם ולתפארת. בברכת המזון נתכבד הר"ר **שלום פאללאק** הי"ו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב דעם כבוד צו באגריסן די אלע מחזיקי תורה וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט נאכט, זיך משתתף צו זיין ביי די מלוה מלכה לטובת די מוסדות דא אין וויליאמסבורג, די תלמוד תורה און די מיידל שולע, ווי עס ווערן נתחנך קרוב צו טויזנט אידישע קינדער, די קומענדיגע בעלי בתים, די קומענדיגע מאמעס פונעם כלל ישראל. עס איז א געוואלדיגער זכות צו האבן א חלק דערין. דער אייבערשטער זאל בענטשן יעדן איינעם בכל מידי דמיטב, און מיט די ברכות וואס קומען זיך פאר מחזיקי תורה.

**די** סעודה איז נתנדב געווארן לעילוי נשמת רבי ישעי' פאללאק ע"ה, אלע האבן אים געקענט, ער איז געווען א אדם חשוב מאוד, א תלמיד חכם מופלג, און ער האט זיך אוועקגעגעבן אזויפיל יארן בנאמנות צו זיין א עוסק בצרכי ציבור באמונה. דער אייבערשטער האט אים באצאלט, אז ער האט איבערגעלאזט קינדער און איידעמער תלמידי חכמים, איינס שענער פונעם צווייטן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין לעילוי נשמתו, און ער זאל זיין א מליץ יושר פאר יעדן.

**איך** וויל אויך באגריסן ידיד נפשי, רבי משה עהרענפעלד זאל זיין געזונט, וואס האט גענומען אויף זיך דעם פרס 'עטרת זקנים'. מען דארף אים נישט פארשטעלן דא, יעדער ווייסט וואס ער טוט אלץ פאר אונז אין די קהילה. עס איז נישטא קיין שום זאך וואס ווערט געטוען, וואס ער האט דערין נישט איין האנט נאר צווי הענט. און נישט נאר די הענט, נאר די הארץ איז אויך דארט. זאל אים דער אייבערשטער געבן לאנגע געזונטע יארן, מתוך שמחה וטוב לבב.

**איך** וועל מיך אפשטעלן אויף א גמרא וואס מיר האבן געלערנט די וואך אין די חבורה פון **'ובהם נהגה'**. די גמרא (פסחים נג.) זאגט, אז תודוס איש רומי האט איינגעפירט אין רוים, נאכן חורבן, אז ערב פסח זאל מען בראטן א גדי מקולס. מען זאל נאכמאכן די צורה פונעם קרבן פסח, מען זאל נעמען א גדי, און עס זאל זיין געבראטן ראשו על כרעיו ועל קרבו. ער האט געהאט א ערליכע כוונה דערמיט, ווייל מיר האבן נישט היינט קיין קרבן פסח, און ער האט געוואלט מאכן א זכר למקדש, א זכר פארן קרבן פסח. די חכמים זענען נישט געווען צופרידן, די חכמים האבן געהאלטן אז עס קען צוקומען צו א מכשול, עס קוקט אויס אזוי ווי מען עסט קדשים בחוץ. מען וועט מיינען אז עס איז א קרבן פסח, און מען קען עסן קדשים בחוץ, האבן די חכמים געהאלטן אז מען טאר עס נישט טון. און מען האט אים געשיקט זאגן, אלמלא תודוס אתה, ווען דו וואלסט נישט געווען תודוס, וואלט מען דיר מנדה געווען. אבער אזוי ווי דו ביסט תודוס, וועגן דעם טוט מען דיך נישט מנדה זיין.

**פרעגט** די גמרא, וואס איז דער תודוס געווען. איז דער תודוס געווען א גברא רבא, און מען האט אים געזאגט, ווען דו וואלסט נישט געווען קיין גברא רבא, וואלט מען דיך מנדה געווען. אבער אזוי ווי דו ביסט דאך א גברא רבא, און אז

א גברא רבא טוט א זאך, אפילו עס איז נישט אויסגעהאלטן וואס ער טוט, דארף מען זיך רעכענען מיט זיין כבוד התורה, און מען טאר אים נישט מנדה זיין, און וועגן דעם איז מען אים נישט מנדה. צו דער פשט איז, אז ער איז געווען א בעל אגרוף, ער איז געווען א איש אלם, ער איז געווען א געוואלד'ס מענטש, און מען האט מורא געהאט אים מנדה צו זיין, ווייל ער וועט שפעטער אויסטיילן צרות, האט מען אים נישט מנדה געווען. די גמרא איז מסופק וואס דער תודוס איז געווען. די גמרא ברענגט א ראיה פון א ברייתא, אז עס איז דא א דרוש וואס האט א שייכות צו די וואך אין די פרשה, אז חנניה מישאל ועזריה האבן זיך מוסר נפש געווען, ווייל זיי האבן זיך אראפגעלערנט פון די צפרדעים. און די דרשה ברענגט די ברייתא צו, פון תודוס איש רומי, זאגט די גמרא, איז א ראיה, אז תודוס איז געווען א גברא רבא.

**נאכדעם** זאגט די גמרא, אז רבי יוסי בר אבין האט געזאגט, אז דער תודוס איז געווען א מטיל מלאי לכיס של תלמידי חכמים, ער פלעגט צו העלפן פאר תלמידי חכמים, אז מען זאל קענען לערנען. ער פלעגט זיי געבן געלט, אז זיי זאלן האנדלען מיט סחורה, איינקויפן און פארקויפן, און דער שכר וועט זיין פאר זיי, און אזוי וועלן זיי קענען מיט דעם פארדינען, דאס איז געווען דער תודוס. און ער ברענגט צו א מימרא פון חז"ל, אז איינער וואס איז מטיל מלאי לכיס של תלמידי חכמים, איז ער זוכה ויושב בישיבה של מעלה. ווען מען העלפט צו פאר א תלמיד חכם צו שטייגן אין תורה, איז מען זוכה, אז אויף יענע וועלט זיצט מען צוזאמען מיט דעם חכם. שנאמר (קהלת ז-יב) כי בצל החכמה בצל הכסף, אין דעם צל וואס דער תלמיד חכם וועט זיין, וועט אויך זיין דער וואס האט מחזיק געווען דעם תלמיד חכם.

**די** מפרשים אויפן פלאץ ווילן ארויסברענגען, וואס האט די גמרא דא צוגעגעבן, אז ער איז געווען א מטיל מלאי לכיס של תלמידי חכמים. אז אפילו תודוס איז נישט געווען קיין גברא רבא פאר זיך אליין, און עס וואלט אים געקומען אז מען זאל אים מנדה זיין, אבער אזוי ווי ער האט געהאלפן פאר תלמידי חכמים צו לערנען, און דער זבולון וואס העלפט פאר יששכר זאל עוסק זיין בתורה באקומט א חלק אין די תורה פון יששכר, האט ער געהאט די חשיבות פון א גברא רבא. אפילו בעצם איז ער נישט געווען קיין גברא רבא, אבער אזוי ווי ער האט מטיל געווען מלאי לכיס של תלמידי חכמים, האט ער געהאט דעם זכות אזוי ווי א גברא רבא. און אז מען איז נישט מנדה א גברא רבא, איז מען נישט מנדה איינעם וואס האט מחזיק געווען תורה. - דאס מיינט, אז נישט נאר וואס די מחזיקי תורה האבן א חלק אויף יענע וועלט, אז ער וועט זוכה זיין צו זיצן בישיבה של מעלה, נאר אפילו אויף די וועלט, רעכנט מען זיך מיט א מחזיק תורה, אזוי ווי דער דין פון א גברא רבא.

**אין** ספר **בן יהוידע** איז דא א שיינער פשט אויף די גמרא, איך וויל עס ארויסברענגען, און מער מסביר זיין, און עס צולייגען, ווייל עס איז נוגע לענינינו. - מיר ווייסן די געוואלדיגע חשיבות פון הכרת הטוב. אויב מען האט פון איינעם א טובה, דארף מען עס שטענדיג געדענקען, און פאר יענעם מכיר טובה זיין, און באצאלן פאר די טובה וואס מען האט באקומען. און לעומת זה, איז דא א מדה פון כפיית טובה, מען איז נישט מכיר אין די טובה וואס מען האט באקומען, מען רעכנט זיך נישט דערמיט. מען נעמט פון יענעם וואס מען קען נעמען, און דאס איבריגע האט מען ווייטער נישט קיין שייכות. אמאל מאכט מען זיך נישט וויסענדיג, און אמאל קען מען אפילו מאכן אן עוולה פאר יענעם. מען רעכנט זיך נישט מיט די הכרת הטוב וואס עס קומט זיך פאר יענעם. און חז"ל זאגן אויף כמה מקומות, די געוואלדיגע חשיבות פון הכרת הטוב, און דער גנות פון כפיית טובה.

**איך** רעד לגבי דאס וואס מען קומט זיך צוזאם מחזיק צו זיין א מוסד וואו די עלטערן האבן דארטן די קינדער און אייניקלעך, און זיי ווערן נתחנך אין דעם פלאץ צו תורה און עבודת ה'. **בפשטות קומט זיך נישט קיין גרעסערע הכרת הטוב, ווי פאר א מוסד וואס האט**

**אהערגעשטעלט זיין קינד, אז דאס קינד זאל אויסוואקסן וואס ער דארף אויסצוואוואקסן. וואס פאר א שענערע מתנה קען מען געבן פאר עלטערן, ווי א קינד און אייניקל וואס וואקסן אויס ערליך. און מען זעהט אסאך מאל, מען קומט טאקע צו א דינער, מען שטרענגט זיך אן, יעדער גיט לפי יכולתו. אבער נישט אייביג איז עס מיט א אמת'דיגע הכרת הטוב, אז איך בין שולדיג! נישט איך געב א נדבה, נאר עס קומט זיך, אז איך זאל מחזיק זיין דעם מוסד. איך האב פון דא נהנה געווען, איך האב אליין נהנה געווען, מיינע קינדער זענען נהנה, און מען דארף זיך רעכענען דערמיט.**

**וויפיל צענדליגער אידן איז דא, וואס זיי קומען אריין אין א בית המדרש, און זיי זענען נהנה פון דעם בית המדרש ערב ובוקר וצהרים, זיי זענען נהנה פון דעם אויר פונעם בית המדרש, און פון די היינטיגע גשמיות וואס איז צוגעשטעלט אין א בית המדרש, פון די חברותא וואס איז דא אין בית המדרש, פון די דברי תורה וואס מען הערט אין בית המדרש, אבער עס פאלט זיי נישט איין, אז זיי דארפן האבן אן הכרת הטוב פאר דעם מקום, אז זיי דארף מחזק זיין דעם מקום, און זיי דארפן העלפן דעם פלאץ. עס קומט זיך אזוי, עס איז א בית המדרש וואס איז אפען, עס איז געמאכט געווארן פאר יעדן איינעם, און ער האט נישט א ספעציעלע הכרת הטוב דערפאר.**

**מען לעבט צוזאמען מיט געשוויסטער, און וויפיל טובות עס גייט אדורך צווישן איינער מיטן צווייטן במשך פונעם לעבן. וויפיל צענדליגער הונדערטער און טויזענטער טובות וואס איינער טוט פארן צווייטן. איין טאג, מאכט זיך עפעס א ריס, וואס מען האט נישט געטון אזוי ווי ער האט געוואלט, צו מען האט נישט געטון אזוי ווי ער האט געטראכט, איז אלעס פארגעסן. ער געדענקט נישט מער די טובות וואס מען האט געהאט פון יענעם, און עס ווערט א מחלוקת, און מען גייט נישט אויף קיין שמחות, און מען גייט נישט אויף קיין חתונות. און נישט נאר אליין, נאר מען רייצט אן די קינדער אז מען זאל נישט גיין. ווען טאטע מאמע האבן געלעבט, האט מען געהאט אזויפיל הנאה איינער פונעם צווייטן, און נאכדעם, וועגן א פאר דאלער, ווערט אלעס פארגעסן, און מען ווערט צעריסן, און מען פארגעסט אלע טובות וואס מען האט געהאט ארום און ארום, דאס איז מעשים בכל יום.**

**די** תורה הק' זאגט אויף פרעה וואס האט משעבד געווען אידן אין מצרים, ויקם מלך חדש על מצרים, אשר לא ידע את יוסף (שמות א-ח), ער האט נישט געקענט יוסף'ן. אין די גמרא (סוטה יא.) איז דא צוויי דרשות. צו לא ידע את יוסף, אדער עשה עצמו כאילו לא ידע. יוסף האט אויפגעבויט מצרים, אין די שנות הרעב וואלט עס צוגרונד געגאנגען, און יוסף מיט זיין חכמה האט צוגעשטעלט אין די שנות השבע, אז מצרים איז געווארן די רייכסטע מדינה. מען איז געקומען פון אלע פלעצער, און מען האט אריינגעברענגט דאס געלט פאר מצרים. און מצרים אליין, די רעגירונג האט אפגעקויפט אלע מענטשן, אלע פעלדער, אלע בהמות, אלעס האבן זיי באקומען. ווער האט דאס געטון פאר זיי? יוסף! קומט א נייע מלך, אשר לא ידע את יוסף, ער געדענקט נישט יוסף'ן. יוסף האט אויפגעבויט מצרים, נעמסטו יעצט זיינע קינדער און דו טוסט זיי משעבד זיין? ווי איז דיין הכרת הטוב וואס דו האסט פאר יוסף? זאגט דער מדרש (שמו"ר א-ח) היום אומר אשר לא ידע את יוסף, למחר אומר לא ידעתי את ה'. **ווען איינער האט נישט קיין הכרת הטוב פאר יענעם, מארגן האט ער נישט קיין הכרת הטוב פארן רבונו של עולם.** מיר זענען אלע שולדיג הכרת הטוב פארן אייבערשטן, דער באשעפער געט אונז אלעס וואס מיר האבן, מיר זענען געקומען ליידיג אויף די וועלט, מיר האבן גארנישט געהאט, און וויפיל האט יעצט יעדער איינער מיליאנען מאל מער פון וויפיל ער האט געהאט ווען ער איז געקומען אויף דעם עולם, וואס ער האט באקומען פונעם אייבערשטן. אז עס איז נישטא קיין הכרת הטוב, הערט זיך אלעס אויף! היינט זאגט ער, איך קען נישט יוסף, און מארגן זאגט ער לא ידעתי את ה', איך קען נישט דעם אייבערשטן.

*

**ווי** ווייט עס גייט הכרת הטוב. די וואך אין די פרשה, האט מען געדארפט ברענגען די מכות אויף די מצרים, און פון די עשר מכות וואס איז געווען אין מצרים איז ארויסגעקומען א געוואלדיגער קידוש ה'. וואס פאר א חשיבות, און וואס פאר א זכות איז, פאר דעם וואס האט געקענט ברענגען די עשר מכות אויף די מצריים. ער קען גורם זיין צו יציאת מצרים, און אז מען זאל פארציילן די נסים פון מצרים וואס האלט אן אזויפיל יארן זייט דעמאלטס. ווען עס איז געקומען די ערשטע דריי מכות, זאגט דער אייבערשטער פאר משה רבינו, דו קענסט נישט ברענגען די דריי מכות, געב עס איבער פאר אהרן. די ערשטע מכה דם, דארף מען שלאגן די וואסער, צפרדע דארף אויך געשלאגן ווערן די וואסער עס זאל ארויסקומען די צפרדעים, דו האסט נהנה געווען פון די וואסער, בשעת דו ביסט געבוירן געווארן האט מען גענומען דיין קעסטל, און מען האט עס ארייגעלייגט אין וואסער, כל הבן הילוד היארה תשליכהו, די וואסער האט דיר א טובה געטון, קענסטו נישט זיין דער וואס שלאגט די וואסער, מוז ער עס איבערגעבן פאר אהרן. מען קומט צו כינים, די דריטע מכה, זאגט מען, כינים קענסטו אויך נישט טון, דאס געב אויך איבער פאר אהרן. דו קענסט נישט שלאגן די ערד, ווייל ווען דו האסט גע'הרג'עט דעם מצרי, ויטמנהו בחול, האסטו דאך געהאט א טובת הנאה פון די ערד. געב עס פאר אהרן, און פון דארט און ווייטער האט משה רבינו געברענגט די מכות.

**די** גרויסע טובה וואס די וואסער האט אים געטון, די וואסער האט געהאלטן זיין קעסטל. וויפיל האט זיך די וואסער אנגעשטרענגט צו האלטן זיין קעסטל? וויפיל טויזנטער זאכן זענען ארייגעפלויגן אין דעם וואסער אין די אלע יארן, און מען מאכט נישט קיין עסק דערפון. נאר משה רבינו קען נישט געבן א קלאפ מיטן שטעקן אויפ'ן וואסער, ווייל די וואסער האט אים געהאלטן, און ער דארף מכיר טובה זיין פאר די וואסער? עס מאכט עפעס א פירוש? מיר פארשטייען אז אזוי קומט זיך טאקע? ער קען נישט שלאגן די ערד, ווייל ויטמנהו בחול?! טויזנטער זאכן זענען באגראבן אין די ערד, און עס פאלט נישט איין אז מען דארף עפעס מחזיק טובה זיין די ערד.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט, דו זאלסט וויסן, **הכרת הטוב איז א געוואלדיגע מדה. נישט נאר ווען יענער שטרענגט זיך אן פאר דיר, דארפסטו מכיר טובה זיין. די וואסער האט זיך נישט אנגעשטרענגט פאר דיר, די ערד האט זיך גארנישט אנגעשטרענגט פאר דיר. הכרת הטוב איז טייטש, סוף כל סוף האסטו געהאט א טובה פון יענעם, דארפסט עס גדענקען, און דו דארפסט עס צוריקבאצאלן! נישט קיין חילוק צו עס האט פאר יענעם געקאסט געלט, צו עס האט יענעם נישט געקאסט. צו ער האט זיך אנגעשטרענגט, צו ער האט זיך נישט אנגעשטרענגט, נישט דאס איז די נקודה. די נקודה פון הכרת הטוב איז, אז מען האט אים געטון א טובה, געדענק עס שטענדיג, אפילו פאר יענעם האט עס גארנישט געקאסט.** פאר די וואסער האט גארנישט געקאסט אז משה רבינו'ס קעסטל איז געלעגן דארט, און פארן זאמד האט אויך גארנישט געקאסט, אבער ער האט נישט געקענט שלאגן די מים און די עפר ווייל ער האט געהאט פון זיי א טובה.

**מען** געפונט אין די גמרא (ברכות נח.), ווען איינער גייט צו איינעם אויף געסטעריי, אורח טוב מהו אומר, וואס זאגט א גוטער גאסט. דער אורח טוב זאגט, אזויפיל האט מען צוגערישט פאר מיר, מען האט אריינגעברענגט דא אזויפיל בשר, אזויפיל יין, און אזויפיל גלוסקאות. כל מה שטרח בעל הבית, לא טרח אלא בשבילי, וואס מען האט דא צוגעגרייט, האט מען צוגעגרייט פאר מיר. אין די זעלבע שטוב קומט אריין א צווייטער גאסט, וואס די גמרא רופט אים אן, אז ער איז א אורח רע. וואס זאגט דער צווייטער גאסט? דער צווייטער גאסט זאגט, מען האט טאקע אנגעגרייט אזויפיל ברויט אויפן טיש, אבער וואס האב איך געגעסן דא, איך האב גענומען איין שטיקעלע ברויט, איך האב גענומען איין שטיקעלע פלייש וואס איך האב געגעסן, און געטרינקען דארטן איין גלאז ווייז.

דער בעל הבית האט זיך עפעס געפלאגט פאר מיר, ער האט דאך א ווייב מיט קינדער, כל מה שטרח, לא טרח אלא בשביל אשתו ובניו, איך בין נאר אויך צוגעקומען. מען האט נישט געקאכט פאר מיר, ער האט געקאכט פאר זיינע קינדער און פאר זיין משפחה, און ער האט געטראפן א גאסט אין בית המדרש אויף שבת, האט ער אים אריינגערופן צום עסן, איך קום צו א פארטיגע זאך, עס איז נישט פאר מיר. איך האב אויך נישט צוגענומען זיין גאנצע עסן, איך האב נאר אראפגעציפט אביסל ברויט וואס מען האט מיר געגעבן. זאגט די גמרא, ער איז א אורח רע! דער אורח טוב זאגט, ניין, כל מה שטרח בעל הבית, לא טרח אלא בשבילי. ווען מען האט א טובה פון יענעם, נישט קיין חילוק וויפיל יענער האט זיך אנגעפלאגט, וויפיל יענער האט אריינגעלייגט כוחות דערין, קוק וואס דו האסט באקומען פון יענעם! דו האסט נישט געהאט צו עסן, און ער האט דיך אריינגעברענגט, און ער האט דיר צוגעגרייט, וואס דו וואלסט דיך אליין געדארפט צוגרייטן.

**הכרת** הטוב איז נישט נאר ווען בשעת מען באקומט פון יענעם א טובה, האט זיך יענער געפלאגט, און ער האט זיך מטריח געווען, און מען איז אים נאכדעם מכיר טובה, און נישט אז מען זאגט, איך קען אים נישט, עס קאסט אים גארנישט. דו האסט געהאט א טובת הנאה פון דעם מקום, דו האסט געהאט א טובת הנאה פון דעם פלאץ, ליגט אויף דיר א חיוב אז דו זאלסט דאס מכיר טוב זיין.

**אויב** דאס איז אזוי ביי וואסער און ביי ערד, **וויפיל הכרת הטוב קומט זיך פאר א מוסד וואס פלאגט זיך! א מלמד וואס פלאגט זיך מיט דיין קינד! א מוסד וואס פלאגט זיך יעדן חודש אהערצושטעלן דעם בודזשעט, אז מען זאל קענען אויפהאלטן די תלמוד תורה. אורח רע אומר, נישט פאר מיר פלאגט ער זיך, ער האט א מוסד, זאל ער זיך פלאגן דערפאר. איך האב אים נאך אפשר א טובה געטון, אז איך האב אריינגעגעבן מיין קינד דארטן... איך בין דיר נאך שולדיג? איך האב נאך א התחייבות? איך האב א מארגידזש דארט ווייל ער האט מחנך געווען מיין קינד? דאס איז כפיית טובה! כפיית טובה מיינט נישט, ווייל ער האט זיך מטריח געווען פאר דיר [כאטש מען איז זיך יא מטריח], נאר אפילו מען האט זיך גארנישט מטריח געווען, אבער דו האסט פון דארטן נהנה געווען! דיין קינד איז ארויסגעקומען פון דעם מקום! דא האט ער מצליח געווען! ליגט אויף דיר א חיוב פון הכרת הטוב. און אז נישט, ביסטו א כפוי טובה.**

*

**עס** שטייט אין **שיטה מקובצת** (בבא קמא צב:), אז די גמרא זאגט, בירא דשתית מיניה, לא תשדי ביה קלא, אין א בור וואס דו האסט געטרינקען דערפון וואסער, ווארף נישט אריין דארטן ערד. ברענגט דער **שיטה מקובצת** א מעשה, וואס דער **מהר"י מיגאש** האט פארציילט אויף זיין רבי דער **רי"ף** [עס איז אויך געדרוקט אין **תשובות מהר"י מיגא"ש** (סימן רב)]. אז דער **רי"ף** איז אמאל ל"ע נישט געזונט געווען, און ער האט געדארפט האבן א מרחץ וואו ער זאל זיך קענען וואשן און באדן. איז געווען א איד א עושר וואס האט געהאט א מרחץ, און ער האט זיך אנגעטראגען, אז דער **רי"ף** קען אריבער קומען צו אים, און זיך באדן אין דעם מרחץ. דער **רי"ף** האט דאס געדארפט האבן, איז ער אריבערגעגאנגען. נאכדעם איז דער יוד היימיש געווארן **מיטן רי"ף**, און ער האט געזאגט פארן **רי"ף**, אז דער **רי"ף** קען אריינקומען צו אים אין שטוב, און זיך דארט ערהאלען. און דער **רי"ף** האט דאס אנגענומען, און עס האט געהאלפן, און ער איז געזונט געווארן.

**דער** אייבערשטער פירט דאך די וועלט, דער אייבערשטער איז מוריש ומעשיר. לימים, איז דער נעכטיגער עושר ירד מנכסיו, ער האט פארלוירן זיין פארמעגן, ער איז געווארן שולדיג געלט פאר מענטשן, און מען האט גענומען זיינע נכסים, און מען האט עס געדארפט צוטיילן פאר די בעלי חובות. און מען האט געדארפט אפשאצן וויפיל עס איז ווערד זיין פארמעגן, און די זאכן וואס ער האט, אזוי וועט

מען עס קענען צוטיילן פאר וועמען ער איז שולדיג. איז מען געקומען צום **רי"ף**, אז ער זאל אפשאצן דעם מרחץ וויפיל דאס איז ווערד, אז מען זאל דאס געבן פאר די בעלי חובות. האט דער **רי"ף** געזאגט, איך וועל נישט דן זיין אויף די מרחץ, און איך וועל נישט פסק'נען אויף דעם מרחץ, מען זאל זוכן א צווייטן מורה הוראה וואס זאל פסק'נען דערויף. איך האב נהנה געווען פון דעם איד, איך האב נהנה געווען פון זיין מרחץ, קען איך נישט פסק'נען אויף דעם מרחץ ווי אזוי מען זאל עס פארקויפן און אוועקגעבן פאר א צווייטן. פירט אויס דער **שיטה מקובצת**, דאס איז דער טייטש בירא דשתית מיניה, לא תשדי ביה קלא. דו האסט נהנה געווען ביי יענעם, כאטש ער האט ממילא געהאט דעם מרחץ, מען האט דאס ממילא גענוצט, און מען פארקויפט עס ממילא, עס איז נישט קיין נפקא מינה, עס וועט ממילא אנקומען צום צווייטן, אבער דו זיי נישט דער שליח יענעם ווי צוטון! דו האסט נהנה געווען פון יענעם, טארסטו נישט זיין דער שליח מען זאל שפעטער עס צונעמען פון יענעם. דער **רי"ף** האט נישט געוואלט פסק'נען אין די שאלה, נאר מען זאל עס אוועקגעבן פאר א צווייטן.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז די ערשטע דריי מכות זאלן נישט קומען דורך אים. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזן פאר פרעה, דו פרעה דו ביסט א כפוי טובה. יוסף האט אויפגעבויט א מלוכה, און דו קענסט אים נישט, אשר לא ידע את יוסף, עשה עצמו כאילו לא ידע, דו געדענקסט נישט די טובות וואס מען האט דיר געטון, דו ביסט א כפוי טובה, דו נעמסט זיינע קינדער און דו ביסט זיי משעבד. איך וועל דיר ווייזן ווי אזוי א יוד פירט זיך אויף, אז ווען עס קומט דיך צו שלאגן, עס קומט ארויסצונעמען יודען פון מצרים, וואס פארא געוואלדיגען זכות מען קען האבן ארויסצונעמען יודען פון מצרים, פון דעסטוועגן דאך, וועט משה רבינו נישט טון א זאך וואס איז א כפוי טובה. ער וועט נישט ברענגען קיין דם צפרדע כינים, ווייל ער קען נישט שלאגן די ערד, און ער קען נישט שלאגן די וואסער, אפילו די וואסער האט זיך גארנישט מטריח געווען פאר אים, פון דעסטוועגן דאך, ער האט נהנה געווען, קען ער נישט טון אזא זאך וואס שפעטער וועט ער ווי' טון פאר יענעם. דאס איז די מדה וואס א איד דארף האבן אין זיך, צו זיין הכרת הטוב.

*

**עס** שטייט אין **חינוך**, ביי די מצוה פון כיבוד אב (מצוה ל"ג). אז מען דארף מכבד זיין עלטערן. איז דער **חינוך** מסביר, **פארוואס דארף מען מכבד זיין עלטערן. זאגט ער, משרשי המצוה, די שורש פון די מצוה איז, די תורה האט אונז געוואלט אויסלערנען, אז מיר זענען מחויב אין הכרת הטוב. ווען נישט דיינע עלטערן, געפונסטו זיך נישט אויף די וועלט. אז דו ביסט דא, איז דאס צו פארדאנקען פאר די עלטערן. דאס איז אן די פלאג וואס עלטערן טוען פאר קינדער, די עצם זאך אז דו געפונסט זיך דא, דארפסטו האבן א הכרת הטוב פאר דיינע עלטערן. און וויפיל יגיעות האבן זיך דיינע עלטערן געפלאגט ביז זיי האבן דיך מחנך געווען. זאגט דער חינוך, און אז מען איז נישט מכיר טוב, דאס איז א מדה רעה ומאוסה בתכלית לפני אלקים ואנשים! דאס איז א מיאוסע מדה פאר מענטשן, און א מיאוסה מדה פאר'ן אייבערשטן! גאנץ כיבוד אב נעמט זיך נאר פון דעם, אז מען דארף האבן הכרת הטוב פאר עלטערן. - אפילו עלטערן טוען נישט אמאל פאר א קינד וואס דעם קינד האט זיך געדאכט אז די עלטערן וואלטן געדארפט טון פאר דעם זון, און מען האט טענות און מען האט תרעומות, פון דעסטוועגן דאך, אז דו ביסט דא אויף די וועלט, האסטו דאס צו פארדאנקען פאר דיין טאטע מאמע, וואס האבן דיך אויפגעצויגן, פאר דעם אליין ביסטו שולדיג פאר דיינע עלטערן.**

**א מענטש איז מחויב אין הכרת הטוב, טאטע מאמע האבן זיך געפלאגט פאר דיר, ביסטו מחויב מכיר טוב זיין פאר זיי, און העלפן וואס דו קענסט, אפילו שפעטער געשעהנט א זאך און מען האט זיך צוקריגט, עס איז געשעהן א זאך וואס איז א עוולה, נעמט עס נישט אוועק דעם חיוב פון**

**הכרת הטוב וואס מען דארף האבן פון פארדעם.** דאס איז א אידישע מדה. אויב עס איז אשר לא ידע את יוסף, קומט מען צו נאכדעם צו לא ידעתי את ה', מען קען נישט דעם אייבערשטן.

**עס** קען זיין בדרך רמז, דוד המלך זאגט אין תהלים (קיט-יח), גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך. פשוט פשט איז, אז דער אייבערשטער זאל עפענען מיינע אויגן, און איך וועל זעהן נפלאות פון די תורה. דוד המלך זאגט, די מצוה פון כיבוד אב איז די דריי און דרייסיגסטע מצוה אין די תורה, דאס איז ג"ל. ג"ל עיני, איך קוק מיט מיינע אויגן אויף די מצוה פון כיבוד אב. ואביטה, און איך קוק אויך, נפלאות מתורתך, די נפלאות וואס די תורה פארציילט וואס מען האט געמאכט אין מצרים, קוק איך ווער עס האט דאס געמאכט, אז דאס איז נישט אלץ געווען דורך משה. פון די ביידע זאכן, לערן איך מיך אראפ די מדה פון הכרת הטוב. פון ג"ל עיני פון די מצוה פון כיבוד אב, ואביטה נפלאות מתורתך, ווען איך קוק די נפלאות וואס די תורה שרייבט, אז די נפלאות זענען געטון געווארן דורך אהרן, לערן איך מיך אראפ פון דעם, ווי אזוי א איד דארף מכיר טוב זיין פאר א צווייטן.

*

**איך** האב געזעהן צוברענגען פון א גדול פונעם פריערדיגן דור, וואס האט געוואוינט אין ירושלים, אז ער האט פארציילט אויף זיך, אז ער איז געווען זייער א וואוילער א בחור. ער האט געלערנט אין די ישיבה פון סלוצק, און ער האט זייער פיין געלערנט. ווען ער איז אלט געווארן זעכצן יאר, האט ער זיך מיישב געווען אז ער גייט לערנען צום **ברכת שמואל** אין קאמעניץ. און דער **ברכת שמואל** האט אים זייער מקרב געווען, ער האט מפליא געווען זיין לערנען, זיין יראת שמים, און ער האט קובע געווען מיט אים א פריוואטע שיעור אין מסכת עירובין, וואס ער האט געלערנט מיט אים, אויסער וואס ער האט געלערנט אין ישיבה.

**נאך** א יאר וואס ער האט געלערנט דארט, ווען עס איז געקומען סוף זמן, האט ער געזאגט פאר זיין רבי'ן, דעם **ברכת שמואל**, אז ער וויל זיך געזעגענען פון אים, ער האט מחליט געווען אז אויפן קומענדיגן יאר וויל ער גיין לערנען אויף וואלאזין. וואלאזין איז געווען א גרויסע ישיבה, און ער וויל אהין גיין לערנען. **רבי ברוך בער** האט זיך אקעגן געשטעלט, און ער האט אים געזאגט, איך בין נישט מסכים. מיר זענען מצליח אין לערנען, פארוואס זאלסטו אוועקגיין ערגעץ אנדערש? און ער האט נישט געפאלגט, און ער האט זיך געזעגענט, און ער איז אוועקגעגאנגען. און ער שרייבט אויף זיך, איך האב שפעטער אין מיין לעבן געהאט אסאך מאורעות וואס האט מיר ווי געטון, און איך בין עס תולה אז עס איז געווען פון די הקפדה פון **רבי ברוך בער**.

**האט** ער געזאגט, איך וועל זאגן פארוואס איך בין אוועקגעגאנגען פון די ישיבה. ווייל איך בין איינגעשטאנען ביי א בעל הבית וואס האט מיר זייער שיין אויפגענומען, ער האט מיר געגעבן מטה כסא שולחן מנורה, איך בין געשלאפן ביי אים און געגעסן ביי אים. דער בעל הבית איז נישט געווען קיין גרויסער מר בר רב אשי, און דער בעל הבית האט מיר אנגעהויבן צוצורעדן, דו ביסט א געלונגענער בחור, פארוואס לייגסטו זיך אריין אין תורה, ווען דו וועסט אויך טון אביסל וועלטליכע זאכן קענסטו שטארק מצליח זיין. דו קענסט לערנען א שפראך און אנדערע זאכן, און דו וועסט האבן א ברייטערן בליק אויף די וועלט. און איך האב מורא געהאט אז איך וועל נשפע ווערן פון אים, האב איך מיך מיישב געווען אז איך לאז איבער קאמעניץ, און איך גיי אוועק לערנען ערגעץ אנדערש, אז איך זאל נישט האבן דעם נסיון פון דעם בעל הבית.

**האט** מען אים געפרעגט, דו האסט דאך געקענט זאגן פאר **רבי ברוך בער**, אז דו גייסט אוועק, נישט ווייל איך בין נישט צופרידן, נאר איך האב דא א פראבלעם, און ער וואלט דיך אוודאי מעודד געווען, אז דו האסט נישט קיין ברירה, און דו דארפסט אוועקגיין. האט ער געזאגט, איך האב עס אים נישט געזאגט, ווייל אזוי ווי איך האב נהנה געווען פון דעם בעל הבית, איך האב ביי אים געגעסן און געשלאפן,

און ער האט מיך שיין באדינט. ווען איך וואלט עס פארציילט פאר **רבי ברוך בער**, וואלט איך דאך ארויפגעלייגט זיין הקפדה אויף דעם פלאץ וואו איך בין איינגעשטאנען, און וואס פארא עגמת נפש וואלט געקענט ארויסקומען פאר דעם יוד, פון די הקפדה פון **רבי ברוך בער**, האב איך מיך מיישב געווען, אז איך נעם די הקפדה אויף מיר, און איך גיי נישט דערציילן אויף מיין בעל הבית וואו איך בין איינגעשטאנען, אז עפעס איז נישט אין ארדענונג דארט. - דאס איז טייטש הכרת הטוב! ער האט געוואוסט אז עס וועט אים קאסטן, ער האט געוואוסט ווער **רבי ברוך בער** איז, און ער האט געוואוסט וואס א הקפדה פון **רבי ברוך בער** איז, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיך צוריקגעהאלטן און נישט פארציילט. ווייל איך האב נהנה געווען פון א פלאץ, קען איך נישט טון א זאך, וואס פון דעם וועט ארויסקומען א עוולה.

*

**נחזור** לענינינו, די גמרא שטעלט זיך אויף דעם תודוס, פארוואס מען האט אים נישט מנדה געווען. צו ער איז געווען א גברא רבא, צו ער איז געווען א בעל אגרוף, זאגט דער **בן יהוידע**, אז ער איז געווען א מטיל מלאי לכיס של תלמידי חכמים, ער האט אויסגעהאלטן תלמידי חכמים צו לערנען, האבן די חכמים אים נישט געקענט מנדה זיין אלס הכרת הטוב. אז ער גיט געלט פאר תלמידי חכמים צו לערנען, קען נישט קומען דער תלמיד חכם נאכדעם אים מנדה זיין, ער איז נישט ערגער ווי א בירא דשתית מיניה, לא תשדי ביה קלא. און ער ברענגט צו די מעשה מיט'ן **רי"ף**, אז דער **רי"ף** האט נישט געוואלט דן זיין אויף א מרחץ, וויבאלד ער האט נהנה געווען פון דעם מרחץ. דאס איז א חלק פון די תירוץ פון די גמרא, אז די סיבה פארוואס מען האט אים נישט מנדה געווען איז געווען, נישט ווייל ער איז געווען א גברא רבא, און נישט ווייל ער איז געווען א בעל אגרוף, נאר ער איז געווען א מטיל מלאי לכיס של תלמידי חכמים. תלמידי חכמים האבן נהנה געווען פון אים, האבן זיי אים נישט געוואלט מנדה זיין.

**און** ער גיט צו, אז מען קען דאך טרעפן א בית דין וואס האט נישט נהנה געווען פון אים, ער האט דאך נישט אויסגעהאלטן די גאנצע וועלט, און יענע זאלן אים מנדה זיין. זאגט ער, תלמידי חכמים זענען אזוי נאנט איינער צום צווייטן ווי ברודערס, און אפילו ער האט מיר נישט געטון א טובה, ער האט געטון פאר מיין ברודער א טובה, דארף איך אויך האבן צו אים הכרת הטוב. האט קיינער פון די חכמים נישט געוואלט אים מנדה זיין, ווייל ער איז געווען א מטיל מלאי לכיס של תלמידי חכמים.

**דאס** איז די מדה פון הכרת הטוב. וויסן אז ווען מען איז נהנה פון א מקום, דארף מען נושא בעול זיין אין דעם מקום. **דו ביסט נהנה פון א מוסד, דו האסט אליין נהנה געווען, צו די קינדער זענען נהנה, ליגט א חיוב פון הכרת הטוב, מכיר טוב צו זיין פארן מוסד. און נישט נאר פארן מוסד, נאר א כל שכן וואס איז נוגע פאר די מלמדים, פאר די וואס לערנען מיט די קינדער, וואס יעדער מלמד פלאגט זיך אן פון יעדן קינד. מען מיינט אז נאר מיט די שוואכע קינדער פלאגט ער זיך, פון א גוטן פלאגט ער זיך אסאך מאל מער, ווייל ער טרויעט זיך מער. און מען לייגט אריין אסאך כוחות. און אז עס איז דא א געלעגענהייט, דארף מען זעהן מכיר טוב זיין, צו מיט א גוט ווארט, צו אמאל יענעם מהנה זיין, ווען ער איז א בעל שמחה וכדומה, יעדער קען זיך טרעפן א פלאץ וואו ער זאל קענען ארויסווייזן זיין הכרת הטוב.**

**איך** וויל אויך ארויסברענגען מיין הכרת הטוב פאר די אלע וואס זענען עוסק בצרכי ציבור ביי אונז אין מוסד. אנגעהויבן פון **רבי שמואל דוד זאל זיין געזונט**, וואס אסאך מאל באוואונדער איך, ווי א מענטש קען נעמען אויף זיך אזא עול. סיי אין די תלמוד תורה, און סיי אין די מיידל שולע, און סיי אין די ישיבה. און אלץ מיט א שמייכל אויפן פנים, אפילו ווען עס קומט אים נישט גרינג אן. איך וויל מכיר טובה זיין פאר די מנהלים אין די תלמוד תורה, און אין די מיידל שולע, וואס געבן זיך אוועק בלב ובנפש צו בויען אידישע קינדער. דער

אייבערשטער וועט זיי אוודאי באצאלן, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, זיי זאלן געבענטשט ווערן בכל מילי דמיטב. אלע וואס האבן א קשר און א שייכות, זיי זענען מחזיק תורה, זאל זיי דער אייבערשטער געבן די ברכת התורה. און מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין, אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.